15/2398

# ראש=חודש סיון ווערט דער אלמאנאך פונאנדערגישיקט


דאָס אַרויסגעבן דעם
ערשטן אָרטאָדאָקסישן

**אַלמאַנאַך**

דאַרף יעדער אַגודיסט און
יעדע רעליג. יידישע טאָכ-
טער פאַרשטיין אָפּצושאַצן

וי אַזוי?

דורכן באַמיען זיך אַריינ-
צופירן דאָס בוך אין יעדער
יידישער שטוב!



# בית יעקב

ליטעראַרישער נאַציאָנאַל-זשורנאַל

יאָרגאַנג 9

אָרגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידנזאָן

נומער 89

ב"ה, לאָדזש=קראָקע=וואַרשע

אייר תרצ"ב


## אַזוי זעט עס אויס!!!

**יעדער** וואָס וועט נעמען דאָס הייניקע „בית-יעקב" נומערל אין דער האַנט וועט זיך זיכער חידושן: מיט אַמאָל אַזאַ ירידה?! אַזוי זעט אויס אַן אָרגאַן וואָס האָט הינטער זיך 200 ב"י-שולן? „פון דעם וואַסער-גרוב וואָס מ'טרינקט וואַרפט מ'ן אַליין שטיינער"?... און וואו זענען עפּיס די „בנות" וואָס אין אַלע עפנטלעכע רעדעס זינגט מען אַזוי תהלות ותשבחות פאַר „בית-יעקב"-זשורנאַל? און וואו איז די לערערשאַפט וואָס טראָגט די פולע אחריות פאַר דאָס אידעאַלע אין דער באַוועגונג?

יאָ, מיר פרעגן זיך אַליין די אַלע ערגצטע שאלות און עס וועט קיינער נישט זאָגן, אַז מיר האָבן ביז אַצינד נישט כסדר אָנגיזאָגט, צו וואָס עס וועט דער-פירן די קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט צו דער זאַך. במשך דעם פאַרגאַנגינים ווינטער, האָבן מיר כסדר גיגעבן, איין נומער נאָכן צווייטן און זיך אַנגאַזשירט אויף גרויסע הוצאות, בכדי דאָס בית-יעקב-זשורנאַל זאָל בכמות זיין, וואָס גרעסער און באיכות, וואָס מיין ערנצטער, ליטעראַרישער און באַלערנדער. אין דער זעלבער צייט אָבער האָבן אונדזערע בעסטע פריינט פאַרלאָזט די שוץ-פּאָזיציעס, נישט גישאַפן קיין נייע אַבאָנענטן, די אַלטע נישט גיהיטן פון אָפּ-פאַלן, גילאָזט אָנוואַקסן חובות; די גרעסטע עוולה טון אַלע כסדר די שולן אין די ערטער וואו עס קומט בכלל נישט אָהין דאָס „בית-יעקב"-זשורנאַל. אַלע רופן פון די צענטראַליס זענען גיבליבן ווי אַ קול קורא במדבר און אַט זענען די פאָלגן, — די ירידה פון „בית-יעקב"-זשורנאַל, און וואָס אַלע פאַרשטייען אַז מיר די אַרויסגעבער זענען דערין אַמ-ווייניקסטן שולדיק.

עס האָט אונדז אויסגיפעלט כוחות צו טראָגן ווייטער דעם עול פון דער אויסגאַבע און מיר מוזן קריגן אונדזער ווילן, יוצא זיין מיט די פּאָר בלעטלעך לעת עתה, און זאָל די ירידה געבן נאָכצודענקן אַלע וואָס ווילן באמת ווייטער זעען דעם קיום פון „בית-יעקב"-זשורנאַל, זיי אַליין זאָלן אונדז קומען צו הילף מיט מעשים.

מיר רעכינין, אַז ווען אונדזערע פריינט, וואָס לייע-נין שוין יאָרן לאַנג אונדזער זשורנאַל וועלן נישט גיקוקט אויף דעם ווייניקן פאַרשטענדיניש, וואָס איז פאַרהאַן צווישן ברייטן עולם פאַר דער דאָזיקער זאַך, פאַרט זיך רעכינין מיט דעם שווערן קלאַפּ, וואָס עס באַקומט אונדזער גאַנצער באַוועגונג און קומען צו הילף. זאָלן אונדזערע פריינט, די גיציילטע ליבהאָ-בער פון ריינים גידרוקטן אָרטאָדאָקסישן וואָרט, די באַוואוסטזיניקסטע בנות-טוערנס, און דער עיקר די לערערשאַפט אַצינד גידענקן:

דריי זאַכן מוזן תיכף גיטון ווערדן:

א) עס טאָר נישט בלייבן דער קלענצטער חוב אין קיין שום אָרט.

ב) דורכפירן אַן אַבאָנענטן-אַקציע פאַרן אַלמאַנאַך מיט דער שטאַרקסטער גיטריישאַפט.

ג) אונדזערע פריינט זאָלן זיך אַליין באַ-שטייערן פאַר אַ רעטונג=פאָנד מיט אַ גי-העריקער שפּענדע און אויפפאָדערן באַ-קאַנטע אויך דאָס זעלבע צו טון.

**לאָמיר האָפן אַז עס וועט נאָר זיין אַ ירידה לצורך עליי׳!**


**אַלע לערערנס**
בנות-טוערנס און פריינט פון אונדזער זשורנאַל האָבן באַקומען צוגישיקט זאַמל-ביכלעך אויף אַבאָנענטן פאַרן

**אַלמאַנאַך**

לאָזט נישט דורך קיין שום יידישע שטוב וואו ס'זאָל נישט אַריינקומען דאָס גרויסע ליטעראַרישע זאַמל-בוך. די וואָס האָבן נישט דערהאַלטן קיין זאַמל-ביכלעך, דאַרפן זיי אַרויספאָדערן אין אונדזער אַדמיניסטר.

אַדרעס:
Redakcja „Bajs Jakow", Łódź,
skrzynka pocztowa 146.

דער הייניקער נומ. „בית-יעקב" קאָסט 30 גר.

